NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13239

KINDER-LIDER

Yaakov Shtraykher

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

יעקב שטרייכער ע״ה

קינדער-לידער

(פון זיין עזבון)

בוענאָס איירעס
1961

יעקב שטרייכער ע״ה

קינדער־לידער

(פון זיין עזבון)

ארײַנפירוואָרט פון
דר. ל. זשיטניצקי

ארויסגעגעבן פון דער אלמנה
שטרייכער, טעכטער, זון
און איידעמס.

צייכענונגען פון פּאַני גלאָסער דע שטרייכער

בוענאָס איירעס

1961

אַרייַנפיר-וואָרט

יעקב שטרייכער און זיינע קינדער-לידער

יעקב שטרייכער ע"ה, געהער צו די פיאָנערן פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע. אָנגעהייבן תחילת מיטן ליד, איז ער נאָכדעם אַריבער אויך צו פּראָזע. אינעם ליד באַרירט ער אַלגעמיינע און אַרגענטינער מאָטיוון, בעת זיינע דערציילונגען טראָגן אַן אויסגעשפּראָכענעם אַרגענטינער קאָלאָריט. זיין אינטערעס איז געווען אין די דערציילונגען צו שילדערן דעם איינגעוואַנדערטן יידן, דעם יידישן עמיגראַנט, ווי ער בירגערט זיך איין אויפן נייעם אַרגענטינער באָדן, אָדער ווי ער בירגערט זיך אויס פונעם לעבן בכלל. און יעקב שטרייכער האָט סיי זיינע לידער און סיי זיינע דערציילונגען געשריבן מיט אַ געפיל פון אַ מענטשלעכן ווי, ווייל ער אַליין האָט געטראָגן אין זיך אַ טיפן מענטשלעכן ווי פון אַן אויפריכטיקן הומאַניסט, אַ הילפסלאָזער אין זיין ווילן און שטרעבונג צו העלפן דעם מענטש און דער וועלט צו באַפרייען זיך פון די אומרעכטן און אומגערעכטע ליידן.

בכלל האָט יעקב שטרייכער, ווי דער דיכטער, שרייבער און מענטש, זיך אויסגעצייכנט מיט זיין ליבנדיקן טיף-מענטשלעכן האַרץ. אַ שטילער און אויסערלעך אַ רויקער, איז זיין גייסט דאָך געווען אַ ברויזנדיקער און זיין האַרץ האָט אויפגעברויזט ווען ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אומרעכט. אָבער אינצווישן האָט ער אויך געטראָגן אין זיך אַ קוואַל פון פרייד און די פרייד האָט ער אויסגעלאָדן אין קינדער-לידער. און דער קאָנטראַסט איז אַן אויסערסט פיינער,—דער ווי איז קעגן באַגייענדיקע אומרעכטן, בעת פאַרן קינד דאַרף זיין נאָר פרייד, ווייל דאָס קינד דאַרף האָבן פרייד, דעם קינד דאַרף מען געבן פרייד, אַז דאָס קינדישע האַרץ זאָל זיין פריי און פאַרהיטן עס זאָל ניט פאַרוווּנדעט ווערן פון ליידן. אינעם קינדער-ליד אַנטפּלעקט זיך דער דיכטער, דער ליבנדיקער פאָטער, — דער טאַטע ווערט אַליין אַ קינד, ער רעדט צו די קינדער מיט זייער שפּראַך, דרינגט אַריין אין זייער קינדישער וועלט און גייט מיט זיי זייער וועג, אָבער

אין דער זעלבער צײַט זײ אויך מחנך זײַן אין דער וועלט פון די נאַטור־שײנקײַטן און באַווײַזן, אַז אויך אין קינדישער שטיפערײַ איז פאַראַן שײנקײַט און אַז שטיפערײַ איז לעבן.

אין דעם פאַרגעלייגטן בענדל גייען אַרײַן כמעט אַלע קינדער־לידער, וואָס יעקב שטרייכער ע"ה האָט פאַרפאַסט. און עס קומט אַ יישר כוח דער אלמנה שטרייכער, זײַנע טעכטער, זון און אײדעמס, וואָס האָבן געהאַלטן פאַר זייער הייליקן חוב דעם עזבון אַרויסצוגעבן אין אַ בוך־פאָרם, אַז די שאַפונגען זאָלן ניט גיין לאיבוד. מיטן פאַרעפנטלעכן די לידער געשעט אַ גערעכטיקײַט, אַז יעקב שטרייכער ע"ה איז אויך דער פּיאָנער אויפן געביט פונעם ייִדישן קינדער ליד אין אַרגענטינע. באַמערקונגסווערט איז דער ספּעציפישער טאָן, פון די לידער און די לעבעדיוקײַט פון די זעלבע. אין די לידער זײַנען פאַראַן אויך סאָציאַלע מאָטיוון, אָבער יעקב שטרייכער האָט אויסגעמיטן צו פאַרוועבן אין די לידער דעם פּעסימיסטישן טאָן, נאָר פאַרקערט: די לידער דריקן אויס גלויבן און האָפענונג. פרייד און שטיפערישקײַט, און דאָס זײַנען עלעמענטן וואָס איבן אויס אַ פּאָזיטיווע ווירקונג אויף דער דערציִונג פונעם קינד. און דאָס איז אויך דער כאַראַקטער פון יעקב שטרייכערס ע"ה אַלע לידער: זיי טראָגן אַ דערציִערישן כאַראַקטער און דער ציל איז צו דערציִען דאָס קינד צו גלויבן און גוטסקײַט.

מיטן פאַרעפנטלעכן דאָס בענדל קינדער־לידער הייליקן די אלמנה שטרייכער, די טעכטער, זון און אײדעמס דעם אָנדענק פון זייער מאַן, פאָטער און שווער, — דעם אָנדענק פון דעם ערלעכן האָרעפּאַשנעם און גוטהאַרציקן מענטש יעקב שטרייכער, וועמענס וועגן אין לעבן און אין דער דיכטונג איז געווען דער אמת און טיף מענטשלעכע ליבע.

אַזוי אַט עס פאַרשטאַנען אויך זײַן טאָכטער פאַני גלאַסער די שטרייכער, וואָס האָט געמאַכט אילוסטראַציעס צו אייניקע פון די לידער. אין די צייכענונגען פילט מען די האַנט פון אַ זיכערער קינסטלערן און מען פילט אויך די ליבע פון אַ טאָכטער צו איר פאָטער, דאָס האַלטן הייליק זײַן זכר, און זי דריקט אויס אין שטריכן, וואָס ברענגען אַרויס דעם זין און אינהאַלט, ווי אויך די פרייד און שפּילעוודיקײַט פון איר פאָטערס דיכטונג. מעגלעך אַז אינספּירירטע, טאָקע פון די אייגענע קינדער, וועמען דער ליבנדיקער פאָטער האָט געוואָלט פאַרשאַפן די העכסטע פרייד, וואָס קומט פונעם וואָרט און דיכטונג.

דר. ל. זשיטניצקי

הימן

פון

קינדער-קלוב

ביי די

אַמאָליקע שולן „ב. באָראָכאָוו“

טעקסט פון **יעקב שטרייכער**
מוזיק פון **א. גאָלובטשיק**

שוין צעגראָבן ס׳איז דער באָדן,
פרייהייטס קערנער שוין פאַרזייט;
ווי מיט ברייטע אָדלער פליגל
שפּרייט די פרייהייט זיך און שפּרייט!

רעפריין:

בליט א לעבן
פול מיט שטרעבן
צו דער פרייהייטס צייט,
גלאָקן קלינגען
דורות זינגען
עס איז אַלץ ניט ווייט...

זייט באַוואָפנט! — רופט די צייט אונדז —
יונגע זעלנער, צו דער ריי!
נאַכט אין שאָטן אָן אַ ווינקל
און אַ סוף צו שקלאַפעריי!

יונגע הערצער — פרייהייטס קלאַנגען
אויגן יונגע — פעסטער בליק,
מאַרש אין לעבן יונגע זעלנער!
פאַרן מענטשנס העכסטן גליק!

מוזיק צום „הימן" פון קינדער-קלוב



אַ גוט מאָרגן

פֿאַרטעכלעך, ווי זילבער ווײַסע,
שפּילן זיך מיט זונען גאָלד,
ווי די פֿייגל אויף די ביימער
אין אַ שיינעם גרינעם וואַלד.

זילבער, זילבער, ווײַסע טויבן
אויף די קינדערלעך אין שול,
ווי אין גאָרטן ווײַסע בלומען
אין אַ גרינעם ווײַסן טאָל.

זיצן שורות, שורות קינדער
מיט די העפֿטן אין די הענט,
ווײַסע זילבערדיקע שאָטנס
קלעטערן אין שול אויף ווענט.

— אַ גוט מאָרגן, טויבן ווײַסע,
— גריסט די זון זיי אויף איר שפּראַך,
קלינגען גלעקלדיקע גלעקלעך
קײַקלט זיך אַ לאַך, אַ לאַך!

באַפרייאונגס־שפּיל

פרײַהײַט שפּיל, שפּילן זינגען,
וועט די שפּיל אונדז גיין אַזוי:
כײַקל, בערל, מוישל, שמערל,
וועלן טראָגן בינטלעך שטרוי.

לייע, ראָכל, סאָרל, פריידל,
וועלן קאָסעס טראָגן הויך,
ווייכע גראָזן אונטערשנײַדן
מיט געזאַנג און יוגנט קויך!

ווײַסע בלויע, לאַנגע סטענגעס
וועלן פלאַטערן אין ווינט,
און לידלעך וועלן מיר אויסזינגען
פון באַפרײַטן ייִדיש קינד!

מידבער-ווינטן וועלן באַקן
אונדזער ווײַסע הויט אַף ברויז,
בײַ די קוואַלן זיך ריינוואַשן
מוישען קומט דער גרעסטער לויז!

ער איז געווען דער ערשטער קעמפער
צו באַפרײַען אונדז פון יאָך,
וועלן אונדזערע פרײַהײַט שפּילן
אָנהאַלטן פון וואָך צו וואָך!

אַזוי וועט אויך זײַן מיט די גרויסע
שלום, פרײַהײַט אויף דער וועלט!
אַזוי האָט אונדזער גרויסער משה
מיט אונדזערע אבות אײַנגעקנעלט!

פון טייבל

(אַ מתּנה מײַנע אייניקלעך)

דער זיידע, די באָבע,
מיט אייניקלעך פיר,
שטייען און קלאַפּן
פון יענער זײַט טיר:

— אַ גוט העלף אײַך ליבע,
ווי שטיל און ווי שאַ,
— מיר? מיר האָבן געשפּרונגען
אַ טראַלאַ—לאַ—לאַ—לאַ!

דער זיידע, די באָבע,
מען זיצט און מען קוועלט,
— מיר האָבן אַ שטיבל
פון זאַמד אויפגעשטעלט.

פּאַפּירענע שיפלעך
אין טײַכל געשיקט;
קאַטשקעלעך ווײַסע,
גערִיסן, געפּליקט.

— אַ גוט העלף דיר, מאַמע,
ווי שטיל און ווי שאַ,
קום וועלן מיר טאַנצן,
אַ טראַלאַ—לאַ—לאַ—לאַ!

קום וועלן מיר מאַכן אַ רעדל אַרום,
דער זיידע, די באָבע, אינמיטן אַרײַן,
לחיים דיר, לעבן,
אַ גוט יאָר זאָל אונדז זײַן!

קלינגען גלעקער

א גאַנצע וואָך די גלעקער קלינגען
רופן קינדער-שילער אין די קלאַסן
„קומט קינדער צו די לעקציעס
קומט אַלע, אַלע, אין די מאַסן".

פאַר דער פּויזע און דער צווייטער
רופט דער גלאָק צום שפּיל אַרויס;
ווען גלעקער קלינגען העכער, שטאַרקער
ווייסט מען אַז דער קלאַס איז אויס.

ווען עס קומט אין טאָג פון שבת
קלינגען גלעקער מיד און האַרט
גלין-גלאָן-גלין, גלין-גל-אָ-אָ-ן,
דער רו-טאָג זונטיק זיי דערוואַרט.

אײן מאָל נאָר אַ קינד!...

פרײלעך קינדער, האָפּקעט קינדער,
מונטער, אָט אַזױ;
װי פרימאָרגן אױף די גראָזן
אַ זונען־שטראַל אױף טױ.

פרײלעך קינדער, האָפּקעט קינדער,
שפּרינגט און לאַכט און לאַכט,
װי די פײגל אױף די בײמער
אין ראָזעװן פאַרנאַכט...

װעט איר מידע פונעם שפּילן
אײַנשלאָפן געשמאַק,
װעט די נאַכט אײַך שפּינען, װעבן,
מעשהלעך אַ סך...

הוליעט קינדער, װי די פליגל
געטריבענע פון װינט,
אײן מאָל איז מען אין דער יוגנט
אײן מאָל נאָר אַ קינד!...



שמייכלט די מאַמע...

דער טאַטע, די מאַמע, ווי קינדער זיי פלעגן
זיך שפּילן מיט אונדז אין דער שפּיל:
געשלאָפן, געשפּרונגען ווי ציגעלעך קליינע
געדרייט זיך, ווי ס׳דרייט זיך אַ מיל.

פלעצעלעך האָבן מיר אַלע צוזאַמען
ליימענע שטענדיק געמאַכט...
איצט אַז דער טאַטע אָן אַרבעט געבליבן
שווײַגנדיק זיצט ער, פאַרטראַכט.

מיר הערן די מאַמען נאָר זיפצן און קרעכצן
ווען טאַטע איז שטוב איז נישטאָ,
גייען מיר קינדער די מאַמע פאַרווײַלן
אָ... בערעלע, בערעלע בו!...

גיט זי אַ שמייכל איר אַמאָליקן שמייכל...
מיר מאַכן אַ ראָד אַרום איר,
מיר זינגען אַ לידל, די מאַמע העלפט אונטער,
— זאָל אַוועק די נויט פון דער טיר!...

דער טאַטע ער וועט נאָך אַרבעט געפינען,
און פריילעך וועט זײַן ווי אַמאָל,
דער אַקער וועט געבן ברויט צום לעבן,
דער האַמער וועט קלינגען אויף שטאָל.

ווען איך זאָל זיין אַ גרויסער

שטייט ישראליקל אין קוזניע
שטייט ער בײַ דער טיר:
„כ׳וואָלט אויך אַזוי געקאָנט —
איז דער האַמער שווערער פון מיר״.

— קלערט ישראליקל:
— אַז איך וועל ווערן גרויס
וועל איך מאַכן אַזאַ מאַשין, —
וועט מיטן האַמער ווערן אויס!

צו וואָס הייבן הויך און העבער
און פאַרלירן דעם גאַנצן כוח,
די קוילן גליען, בריען
מען ווערט דערשטיקט פון רויך.

איז אויס מיט דער קאָוואַדלע
מיט די שוואַרצע ווענט
ווען איך זאָל זײַן איצט אַ גרויסער
וואָלט איך די קוזניע גלײַך פאַרברענט!

שטייט דערווײַל מנשה
און קלאַפּט, און קלאַפּט, און קלאַפּט!
מיט רויט פאַרטערטע אויגן
פאַלט ער פון די פיס... ווי לוט.

האָפּ, האָפּ!

ניי מיר אויף די שיכעלעך:
קלאַפּ טשוועקעלעך, שוסטער קלאַפּ,
שפּרינג איך אויף איין פּיסעלע
אַ טענצעלע, האָפּ, האָפּ!

שרייַט די מאַמע — גזלן אייגער,
וואָס שפּרינגסטו ווי אַ ציג?
— וואָסזשע מיינסטו מאַמע, מאַמע,
אַ ייִנגל איז נישט קיין פליג!

— בייַט ער אום דאָס פּיסעלע
לאָזט זיך אין גאַלאָפּ,
פּליעסקעט שוין די מאַמע צו
— טאַנץ זונעלע האָפּ, האָפּ!

מײַן פּרינצעסין...

די מאַמע נייט אַ קליידעלע,
אַ קליידל פֿאַר איר קינד,
ציט אַ לאַנגן פֿאָדעמל
די נאָדל לויפֿט געשווינד!

שוין באַנייט דאָס קליידעלע
מיט פֿעדימלעך אַרום,
רופֿט מאַמע איר פּרינצעסן...
קום פֿייגעלע, קום, קום!

וועט מאַמע דיר אָנמעסטן
אַ קליידעלע אַ פֿײַנס,
ניט געבאָרגט בײַ קיינעם...
דאָס קליידעלע איז דײַנס!



אָפּגעשפּאָרט פֿון לעצטן
כ'ניי עס בלויז פֿאַר דיר...
עס פּאַסט דיר מײַן פּרינצעסן
אַזאַ יאָר אויף מיר!

דײַן פּנימל עס שײַנט
ווי די זון פֿרימאָרגן!
ווי גוט מײַן קינד ס'איז,
מען דאַרף ניט לײַען באָרגן!

אַ שפּיל אַזאַ

אַ שפּיל אַזאַ
איינס צוויי דריַי,
יאַנקל שמערל
שריַי, שריַי, שריַי!

אין אַ ראָד
רונד אַרום,
איינער מוז דאָרט
בליַיבן שטום...

וואַרטן ביז
דער לעצטער וועט
אים אין בעקל
טאָן אַ גלעט...

גיט ער באַלד
אַ שפּרינג פאָראויס,
ער די קאַץ
און איך די מויז.

ראָד אַריַין
ראָד אַרויס,
קומט לבנה
רויט און גרויס.

און דערמאָנט
די קליינע שפּילער
אַז זיי זיַינען
יונגע שילער.

העפטן זיַינען
ניט קיין מילן...
זיי פאַרשטייען
ניט קיין שפּילן.

אַרעלע מיט פייגעלען

אַרעלע באַרעלע
טאַנצט ווי אַ נאַרעלע
רוקט אָן דאָס היטעלע
שפּרינגט ווי אַ ציגעלע
האָפּ, האָפּ, היפּ!

פייגעלע בייגעלע
מאַכט צו אַן אייגעלע,
פאַרשטעלט אים די וועגן
טאַנצט אים אַנטקעגן
היפּ, היפּ, היפּ!

אַרעלע און פייגעלע
פינטלען מיט אייגעלע
טאַנצן אין אַ רעדעלע
יינגעלע מיט מיידעלע
היפּ, היפּ, האָפּ!

אַ רעגן

אוי אַ רעגן וועט גיסן
זאָלסט גאָרניט שוין פרעגן,
פליסן וועלן ריטשעלעך
פונעם שטאַרקן רעגן!
פליף, פליאַף, פליף!

וועלן אונדז די קעפּעלעך
ווערן נאַס און נאַסער,
וועלן אונדז די שיכעלעך
ווערן פול מיט וואַסער!
כלאַפּ, כליפּ, כליאַפּ!

וועט די זון אויפשייַנען
שטראַלן וועט זי שיקן,
וועלן אונדז די שיכעלעך
ווידער ווערן טרוקן!
לאַ, לאַ, לאַ, לאַ!

שיכעלעך

אַ יונגע מאַמע שטריקט
שיכעלעך בייַטאָג,
טרייסלט אין דער האַנט
פּרוּווט די לייַכטע וואָג.

די יונגע מאַמע לאַכט
פרייט זיך מיט איר גליק!
זיצט שעהן לאַנג בייַם טיש
שיכעלעך זי שטריקט.

לערנט זיך באַצייַטנס
אַ לידל פאַרן קינד
שלאָף דערווייַל לעת עתה
וועסט קומען, קומען געשווינד.

נאָך אַ פּאָר חדשים
וועסט זען די זון איר ליכט,
לערנט זיך דייַן מאַמע
איר מוטערלעכע פליכט.

שלאָף דערווייַל לעת עתה
וואַרף ניט מיט די פיסעלעך...
ס'פרייט דער מאַמען קינד מייַנס
שטריקן פאַר דיר שיכעלעך!

איך זע דיך שוין אַ גרויסן
שפּרינגען איבער שטריקלעך
פעלדער וועלן בליען
לעבן וועט מען גליקלעך!

באַוועגן וועסט זיך פרייַ
איבער יעדער גרענעץ
פון דאַנען ביז ישראל
וועט גרויס זייַן ווי אַ גענעץ.

יעדער וועט זיך בּײען
וואָס אים איז נאָר באַשערט
אין אַ וועלט פון פרידן
פון קיינעם ניט געשטערט!

מײַן „פּעטיסל״ (פֿערדל)

מײַן טאַטע האָט געקױפֿט פֿאַר מיר
אַ „פּעטיסל״ אַן אַנטיקל.
דאַרף איך גאָר קײן בײַטש דערצו,
קײן צױם, נאָר פּשוט אַ שטריקל.

אַ שטריקל פֿראָסט אין מויל פֿאַרלײגט
פֿאַרצױגן נאָר אַביסל —
און תּיכּף אױפֿן רוקן איד
אַ ריר נאָר מיט אַ פֿיסל.



איז באַלד אַװעק גאַלאָפּ, גאַלאָפּ
איבער פֿעלדער פֿרײַע.
ס׳טראָגט זיך גרינג און לײַכט אַזױ
און ס׳װױגט זיך אַ מחיה.

פֿון װען צו װען סע רײַסט אַרױף
דאָס קעפּל אױף אַרונטער,
און בױגט עס צו דער ערד אַראָפּ
און סאָפּעט, שנאָרכעט אונטער.

דערקען איך שױן, אַז ס׳פֿערדל מײַנעס
װערט אַלץ מידער, מידער,
דרײ איך אױם און טרײַב עס לײַכט
אַהײם, אַהײם שױן װידער.

און װי ס׳דערשמעקט די הײם פֿון װײַט,
די הײם פֿון קלײנעם רײַטער,
לאָזט עס זיך געשמאַקער שױן
און הירזשעט אַ פֿאַרשײַטער...

איך קום אַהײם, און צױם עס אױס
און גיס עס אָפּ מיט װאַסער,
אַ טרײַב עס לײַכט, און ס׳קאַטשעט זיך
אין שטױב, אין גראָז — אַ נאַסער.

איך קוק און קוק און דאַנק אים שטיל
פֿאַרן לאַנגן פֿאָרן.
איך ליב און בענטש עס שטילערהײט;
זאָלסט זײַן אױף לאַנגע יאָרן!

מײַן זײדע־באָבע

אין אַ שטיבעלע אַ קלײנע
װוינען באָבע און זײדע
ער הײסט חיים-אַלטער
און זי גאָלדע-פֿרײדע.

װען איך קום, קושן מיך
און האַלדזן מיך בײדע
װײַל עס האָבן מיך זײער ליב
די באָבע און דער זײדע.

לײגט אַ פֿינגער צו דער נאָז
מײַן באָבע גאָלדע-פֿרײדע,
„לאָז זיצן דאָרט דעם אַלטן
שפּילן מיר װעלן בײדע".

„זע, דײַן באָבע קאָן אױך שטיפֿן
בעסער װי דײַן זײדע,
הײסיך דאָך נישט אומזיסט
מיטן נאָמען גאָלדע-פֿרײדע".

„גיב אַ קוש דעם זײדן אין פּנים,
געקלאַפּט האָט ער דאָ פּלעקער;
פֿאַר אַ שײן ייִדיש לעבן
געװען איז ער אַ װעקער.

ער האָט זײַן אַרבעט אָפּגעטאָן,
נעכט, און טעג נאָך טעג,
ס'װינטשט די באָבע איצטער דיר
צו גײן אין זײדנס װעג".

אַ פרילינג נאַכט

ניט געשיקט האָט זיי קיינער,
קומען געסט פון דער לבנה
שטערן טאַנצן, שטערן פינקלען
אויף די שפּיצן פון די ביימער.

קושן זיי זיך מיט שטומער ליבע, —
גלעטן זיך מיט לײַכטן ווינטל,
האָט אַ קעצל זיך דערשראָקן
פאַרן פויערס קליינעם הינטל!

און די פייגעלעך דערשראָקן
פון די צווײַגעלעך מען פליט!
ווי וויאָלעטער פרילינג-רעגן
פאַלט אין גראָז אַרײַן דער צוויט.

זונען־שטראַלן

ווייסטו פֿיַוועלע אַז זונען-שטראַלן בריען
און גליען, ווי העליש פֿיַער?
כאַטש נעם די זון און פֿאַרשלים אין שיַער.

זאָל זי וויסן אַז מיר היטן אונדזער אַרבעט
בלומען, גרינס, ווייץ און קאָרן!
ווען די זון ביַ אונדז שוין ליגן אונטער שטאָרן.

נאָר אין פֿרימאָרגן זאָל זי קומען
מיט איר שיינעם בלוי-ראָזן שיַינען, —
זאָל זי אונדז אין שול מיט פֿרייד באַגלייטן!

וועסטו זון אונדז ווידער שרעקן
מיט דיַין העליש-רויטן פֿיַער?
שלאָם אַהין, שלאָם אַהער, פֿאַרריגלען מיר דיך אין ש

מײַן טאַטע איז אַ סטאָליאַר

מײַן טאַטע איז אַ סטאָליאַר
ער מאַכט פֿאַר מיר אַ בעטל,
קוק איך אױס די אױגן
גלעט ער מיר דאָס קעפּל...

— נאָך אַביסל קינד מײַנס
ס'פֿעלט שױן ניט קײן סך...
זעסט די שטוב אַנטקעגן
שטײט נאָך אָן אַ דאַך...

עס פֿעלט מיר בלױז די ברעטער
און טשװעקעלעך אַ פּעקל...
דו פֿאַרשטײסט ניט קינד מײַנס,
דו ביסט נאָך גאָר אַ שנעקל.

דו װעסט עלטער װערן
װעסטו אַלײן פֿאַרשטײן,
צי קאָן מען, קינד מײַנס
צאַפּן װאַסער פֿון אַ שטײן!

שמערקע לײז

ראָד אַרײַן, ראָד אַרויס
דרייט זיך שמערקע לײז,
זײַן מאַמע גיט אים פלייש מיט באָרשט
אַ מאַרך-ביין מיט פעטץ.

רופן קינדער אים מיט פרייד:
שמערק, שמערקע לײז,
נאַ דיר באָרשט אַ טעפּל באָרשט
אַ מאַרך-ביין מיט פעטץ.

— ענטפערט שמערקע הויך מיט פרייד:
וואָלט איך דאָס געקאָנט,
איך קען רײַטן אויף אַ קוימען
קלעטערן אויף ווענט!

און איך לצים קענט נאָר לאַכן
כי, כי, כאַ, כאַ אַזוי!
ברויט מיט האָניק קענט איך נאַשן
און טרוקן ווי אַ שטרוי.

און איך שמערקע בין אַ זאַנג
אָנגעפילט מיט קאָרן,
איך קען רײַטן אויף אַ פערד
אָן סאָלדאַטסקע שפּאָרן!

און איך ציטערט פאַר אַ פליג
ווי פאַר ווילדע בערן!
רופט די מאַמעס אײַך צו הילף
ווען מען נעמט אײַך שערן.

ראָד אַרײַן, ראָד אַרויס,
אָט ווי שמערקע לײַ!
ווילט איר רײַטן אויף אַ קוימען
לעקט אַ מאַרך-ביין מיט פעטץ!

ווילט איר רײַטן אויף אַ פערדל
אָן אַ צוים אין האַנט?
בע, בע, מאַ, מאַ, מאַ,
איר בלײַבט טויטע ווי די וואַנט!

זײַט איר שטאַרקע, קומט אַהער
בויגט מיר אײַן די האַנט,
נו, וואָס שטייט איר דאָרט צושראָקן
הלוואי וואָלט איר געקאָנט!

בע, בע, מע, מע, מע,
קומט און פּרוּווט דעם כּוח,
איך קען קנאַקן, ביינער ברעכן
אַזש עס גייט אַ רויך!

די צעשטערטע נעסט

פליט אַ פייגעלע — אַ מאַמע,
טראָגט אַ ברעקעלע אין מויל;
פישטשען קליינע פייגעלעך —
טשי-טשירי — ווי וויל!

אין דרויסן גיסט אַ רעגן,
באַגלייט מיט שטורעם-ווינט;
פאַלן נעסטן פון די ביימער,
בלײַבט די מאַמע אָן אַ קינד.

זי שפּרינגט אַרום אין נאַסן גראָז,
אין דער טריבער קעלט;
און די בייזע שטורעם-ווינטן —
די מאַמע-פויגל שעלט.

טשירי-טשירי, קלאָגט די מאַמע:
וואָס וועל איך טאָן אַצינד? —
ס'איז צעשטערט מײַן הימעלע
און ס'איז טויט מײַן קינד.



דאָס קליינע קעצעלע

אַזוי בײַטאָג, אַזוי בײַנאַכט,
שלאָפט דאָס קליינע קעצל;
זעלטן ווען עס גיט אַ שפרונג,
ווי מײַן חבר געצל.

ווייסט, פאַרוואָס דאָס איז אַזוי
אומעטיק פאַרטראַכט?
ס׳איז אַ יתומל געבליבן
אין אַ שיינער נאַכט...

מײַנסט חלילה קראַנק געוועזן, —
די מאַמע פונעם קעצל?
אַ נאַשערקע איז זי געווען,
נאָך מער פון חבר געצל...

האָט מען זי פאַרנאַרט אין זאַק
ווײַט, גאַנץ ווײַט פאַרטראָגן.
בענקט דאָס קליינע קעצעלע —
נאָר ווייסט ניט וואָס צו זאָגן...



שנײ

פאַר די מעגדאָסע: קינדערלעך

העי, חברים האָרעפּאַשנע,
צו דער אַרבעט אײנס און צװײ,
װער קען קײַקלען קנײלן מאַכן
פון דעם זילבער װײַסן שנײ?...

ערשט געפאַלן פונעם הימל
מיט אַ װינטעלע געדרײ,
קוקט מיוחסדיק דאָס בערגל,
אָפּגעזילבערט פונעם שנײ.

דרײט אַ װינטעלע אין לופטן
װײַסע פעדערלעך אַרום,
און אַ װיכער דרײט דאָס װינטל,
פאַלט אויף בערגל און בלײַבט שטום.

הע, אַ שליטל, קאַמעראַדן,
פונעם בערגעלע גליטש, גליטש,
איז דאָס שליטעלע אַנטלאָפן,
און געקאַטשעט זיך פון שפּיץ.

העי, חברים האָרעפּאַשנע,
צו אַ טענצל אײנס און צװײ,
זאָל עס שװאַרצן דאָרט דאָס בערגל...
האָט װער אָפּגעלײגט דעם שנײ...

כאַ-כאַ-כאַ אין אַ רעדל
זינגען לאָמיר אָט אַזױ,
זומער שמעקט דאָס גרינע בערגל
מיט אַ לײַכטן פרילינגס-טױ.

גרעזלעך װאַקסן אויפן בערגל
מאַרגאַריטקעס צװישן זײ,
הענט אויף אַקסל לאָמיר טאַנצן
ס'איז צעגאַנגען שױן דער שנײ...

ווען ער זאָל שווימען קאָנען

שווימט אַ פישל אויפן וואַסער
יאָגט אַ שטריקל דאָס דעריאָגן;
הייבט אַ ווינטל אויף די כוואַליעס
און דאָס פישעלע פאַרטראָגן.

ווערט אברהמעלע דערציטערט
— אָט אַ חוצפה פון די וועלן!
און ער וואַרפט דאָס לאַנגע שטריקל
הייבט אַ פויגל אָן צו טרעלן.

פאַרדרייסט אברהמעלע זיין קעפל
קוקט אַרויף צום גרינעם בוים
גליטשט זיך אויס פון האַנט דאָס שטעקל
בלייבט אברהמל אָן אַ צוים.

ווען ער זאָל שווימען קאָנען,
וואָלט ער דאָס געקאָנט דעריאָגן;
און דאָס פישל אויף דעם שטריקל
אויף דער האַנט אַרויסגעטראָגן.

קוואַק, קוואַק, קוואַק!

כ׳וועל אַ מעשׂהלע דערציילן
פֿונעם ווײַטן, ווײַט אַמאָל,
פֿון אַ וועלדל אויף אַ בערגל
פֿון אַ וואַסערל אין טאָל.

פֿון אַ שטיבעלע בײַם בערגל
מיט אַ שטרויען דאַך פֿאַרדעקט,
האָט דאָרט אַ פֿייגל פֿיל יאָרן
אין דעם שטיבעלע געלעבט.

זײַנען קאַטשקעלעך געשווימען
און די אייעלעך פֿאַרלוירן,
זײַנען אין גראָז בײַם שטיבל
קליינע קאַטשקעלעך געבוירן.

זײַנען זיי ווי אַלע קאַטשקעס
אינעם טײַכעלע געשווימען,
ביז דעם פֿייגלס שוואַרצע קעצל
איז צום וואַסערל געקומען...

האָט דאָס קעצל מיט איר צינגל
זיך באַלעקט פֿון באַק צו באַק...
וויינט די מאַמע קאַטשקע נעבעך
שרײַט און יאָמערט: קוואַק-קוואַק, קוואַק!

האָט דאָס פֿייגל דאָס קעצל
פֿונעם שטיבעלע פֿאַרטריבן,
און די קליינע קאַטשקעלעך
זײַנען אַלע לעבן געבליבן.

פּייפּקע דער בעקער

שפּילט ברײַנדעלע מיט זאַמד,
אַ שטיבל אויפגעשטעלט;
שטייט רחלע פאַרגאַפּט,
טאַנצט אַרום און קוועלט.

ברענגט פּײַפּקע אַ קריגל וואַסער
מישט און מישט דאָס זאַמד;
ווען איך זאָל זײַן אַ בעקער
וואָלט איך באַקן דאָ געקאָנט.

אַט דאָ וועט זײַן דער אויוון
און אַ קוימען אויך,
דו וועסט אונטערצינדן,
וועט קוימען בלאָזן רויך.

רײַט פּײַפּקע אויף אַ שטעקן,
מאַכט פון ליפּ אַ פּלעמל:
העי, ברײַנדל, רחל, וואַרט!
אָט ברענג איך מעל און זעמל.

זע נאָר טאַטע...

זע נאָר טאַטע, דאָרט אין הימל,
זע ווי עפּעס גייט דאָרט אום? —
זאָגט דאָס קליינע קינד צום פֿאָטער,
קוקט פֿאַרגאַפֿט צום הימל פֿרום.

„וווּהין זשע גייט עס, טאַטע ליבער?
שלאָפֿן, שלאָפֿט עס ניט בײַנאַכט,
קען עס ריידן? — זאָג מיר טאַטע!"
און ער האָט זיך שטיל פֿאַרטראַכט.

ס'שיינע קעפּעלע פֿאַריסן
און די ברעמעלעך פֿאַרצויגן,
קוקט דאָס קינד צום טיפֿן הימל
מיט די קליינע, קלאָרע אויגן.

ברוגזט זיך און גלעט דעם פֿאָטער
— קויף פֿאַר מיר דאָס אַ מתּנה,
זאָג, ווי רופֿט מען דאָס פֿאַפּיטאָ?
— רופֿן רופֿט מען עס לבֿנה.

זע נאָר, טאַטע די לבֿנה
דעקט זיך אויך צו מיט אַ דעק?
— דאָס איז וואָלקנס, קונדעס קליינער,
זעסט, זיי שוועבן שוין אַוועק...



אונדזער המשך

ווי צינגלעך פון פלעמלעך אין פײַער,
ווי שימער פון זילבער און גאָלד
זאָלט איר קינדערלעך וואַקסן ווי דעמבעס
פריש ווי דער טוי אַרום וואַלד!

ווי ווינטן וואָס זינגען און טאַנצן
גלעטן דאָס גראָז מיט אַ ציטער,
און קושן די בלומען באַזויפטע...
ווי זון-גאָלד נאָך אַ געוויטער!

ווי כוואַליעס וואָס שוימען און ברומען
קומען און לויפן אַוועק,
אַזוי זאָלט איר אומעט פאַריאָגן
קעמפן פאַר המשך אָן שרעק!

קעמפן פאַר ייִדיש אָן ציטער
ווי זון-גאָלד אין פעלד אויף דער זאַנג,
שטאָלץ זאָלט איר טראָגן דעם המשך
מיט יובל, טענץ און געזאַנג!

ווי צינגלעך פון פלעמלעך אין פײַער,
ווי שימער פון זילבער און גאָלד,
זאָלט איר קינדערלעך וואַקסן ווי דעמבעס
פריש ווי דער טוי אַרום וואַלד!

"OPTIMUS" - V. Gómez 2755 Bs. As.